# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קכה**

**פרשת וישלח**

בענין

**קושיא נפלאה איך מותרים לזרוק מי חטאת של פרה אדומה, הרי יש בו אפר של גיד הנשה שאסור בהנאה**

**עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה אֲשֶׁר עַל כַּף הַיָּרֵךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי נָגַע בְּכַף יֶרֶךְ יַעֲקֹב בְּגִיד הַנָּשֶׁה:** (בראשית, לב, לג)

## מחלוקת התנאים בבבלי, ושיטת הירושלמי אם גיד הנשה של כשירה או נבילה אסור בהנאה

די **גמרא** בתחילת **פרק כל שעה** אין **מסכת פסחים** (כא, ב) ברענגט אראפ א מחלוקת ציווישען חזקיה און רבי אבהו, פון ווי מען לערנט ארויס אז חמץ בפסח איז אסור בהנאה וזה לשון הגמרא: **אמר חזקיה: מנין לחמץ בפסח שאסור בהנאה** - פון ווי לערנט מען ארויס אז חמץ אין פסח איז אסור בהנאה? **שנאמר** - ווייל עס שטייט אין די תורה: **לֹא יֵאָכֵל חָמֵץ** (שמות, יג, ג), און מיט דעם וואס די תורה האט געשריבן **'לֹא יֵאָכֵל'**, און נישט **'לֹא יֹאכַל'**, לערנט מען ארויס: **לא יהא בו היתר אכילה** - פירוש: די תורה קומט צו לאזן הערן אז מען טאר נישט האבן קיין שום היתר הנאה פון די חמץ וואס דער היתר הנאה קען צוברענגען צו עסן די חמץ.

זאגט די גמרא אויף דעם: **טעמא** - די גאנצע טעם פארוואס חמץ איז אסור בהנאה איז: **דכתב רחמנא לֹא יֵאָכֵל חָמֵץ, הא לא כתב לא יאכל** - אבער אויב עס וואלט נישט געשטאנען אין די תורה 'לֹא יֵאָכֵל חָמֵץ', נאר עס וואלט געשטאנען 'לֹא יֹאכַל חָמֵץ', **הוה אמינא איסור אכילה משמע, איסור הנאה לא משמע** - דעמאלטס וואלט מען געזאגט לפי חזקיה אז חמץ איז נאר אסור באכילה אין נישט בהנאה, לפי זה זאגט די גמרא: **ופליגא דרבי אבהו** - חזקיה קריגט זיך אויף רבי אבהו, ד**אמר רבי אבהו: כל מקום שנאמר לא יאכל לא תאכל לא תאכלו אחד איסור אכילה ואחד איסור הנאה משמע, עד שיפרט לך הכתוב כדרך שפרט לך בנבילה** - פירוש: ביי די איסור פון נבילה שטייט אין פסוק: **לֹא תֹאכְלוּ כָל נְבֵלָה** (דברים, יד, כא), אין אפילו אזוי שרייבט די תורה שפעטער אז די נבילה איז מותר בהנאה, איז משמע פון דעם, אז ווען די תורה שרייבט ארויס אויף א איסור 'לא יאכל' וכדו', איז שוין אין די איסור אכילה אויך דא די איסור פון הנאה האבן, והא ראי' ביי נבילה שטייט די איסור נאר בלשון 'לא תאכלו' און אפילו אזוי דארף די תורה שפעטער מתיר זיין נבילה באכילה. איז לפי רבי אבהו, וועט מען ארויס לערנען די איסור פון הנאה פון חמץ פסח, מיט די עצם זאך אז די תורה שרייבט אויף חמץ 'לא יאכל'.

בהמשך די סוגיא דארט (שם, כב, א) ברענגט די גמרא א קשיא אויף שיטת רבי אבהו, וזה לשון הגמרא: **מתיב רבי יצחק נפחא: והרי גיד הנשה, דרחמנא אמר עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה, ותנן: שולח אדם ירך לנכרי, וגיד הנשה בתוכו** - פירוש: ביי די איסור פון גיד הנשה שטייט אין אינזער פרשה די לשון **'לֹא יֹאכְלוּ'**, וואס לויט רבי אבהו שטייט דא אויך די איסור אז מען מעג נישט הנאה האבן פון גיד הנשה, און אפילו אזוי האט מען געלערנט אין א משנה אז מען מעג שיקן פאר א נכרי א שטיקל פלייש וואס האט אין זיך די גיד הנשה, איז משמע פון דעם אז מען מעג יא הנאה האבן פון די איסור פון גיד הנשה, איז שווער אויף רבי אבהו?

ענטפערט די גמרא: **קסבר רבי אבהו: כשהותרה נבילה, היא וחלבה וגידה הותרה** - פירוש: דעס איז קלאר אז די איסור פון נבילה איז מותר בהנאה אפילו עס שטייט דארט די לשון פון 'לא יאכל', ווייל די תורה האט עס בפירוש מתיר געווען בהנאה, אזוי ווי רבי אבהו האט שוין אויבן געברענגט, זאגט רבי אבהו, אז ווען די תורה האט מתיר געווען א נבילה בהנאה, האט די תורה נישט נאר מתיר געווען די פלייש פון די נבילה בהנאה, נאר אלע שטיקלעך וואס א נבילה האט אין זיך איז אויך מותר בהנאה, וואס דעס איז כולל אין זיך אויך די חֵלֶב פון א נבילה, און די 'גיד הנשה' פון א נבילה, און אויב אזוי איז די איסור הנאה פון גיד הנשה שוין נכלל אין די היתר הנאה וואס די תורה האט געגעבן פאר נבילה, וועגן דעם זאגט די משנה אז מען מעג הנאה האבן פון גיד הנשה, אבער לעולם ביי אלע אנדערע איסורים וואס עס שטייט דארט א לשון פון 'לא יאכל' איז עס כולל אין זיך אויך די איסור הנאה פון יענער איסור.

פרעגט די גמרא ווייטער: **הניחא למאן דאמר יש בגידין בנותן טעם, אלא למאן דאמר אין בגידין בנותן טעם, מאי איכא למימר** - פירוש: עס איז דא א יסודות'דיגע מחלוקת ביי דיני איסור והיתר, צו מען זאגט **'יש בגידין בנותן טעם'** אדער **'אין בגידין בנותן טעם'**, דהיינו צו די גיד פון א בהמה האט אין זיך א טעם פון בשר, אדער עס האט נישט קיין טעם בכלל אין עס ווערט גערעכנט אזוי ווי די ביינער פון א בהמה. זאגט די גמרא, בשלמא לויט די מאן דאמר וואס האלט 'יש בגידין בנותן טעם', דעמאלטס ווערט די גידין פון א נבילה גערעכנט ווי א געהעריגע שטיקל פון די בשר נבילה, און ווען די תורה האט מתיר געווען א נבילה בהנאה, האט די תורה אויך מתיר געווען די גיד הנשה שבו, אבער למאן דאמר 'אין בגידין בנותן טעם', ווערט די גיד הנשה בכלל נישט גערעכנט ווי א חלק פון די בשר נבילה, נאר עס ווערט גערעכנט ווי א עץ בעלמא, און די תורה האט קיינמאל נישט גע'אסר'ט די גיד הנשה מטעם נבילה, און אזוי אויך האט די תורה עס קיינמאל נישט מתיר געווען בהנאה?

ענטפערט די גמרא: **מאן שמעת ליה דאמר אין בגידין בנותן טעם - רבי שמעון, דתניא: האוכל מגיד הנשה של בהמה טמאה, רבי יהודה מחייב שתים, ורבי שמעון פוטר** - דהיינו רבי שמעון איז דער מאן דאמר וואס האלט 'אין בגידין בנותן טעם', **רבי שמעון הכי נמי דאסר בהנאה. דתניא: גיד הנשה מותר בהנאה, דברי רבי יהודה, ורבי שמעון אוסר** - פירוש: רבי שמעון - ער האלט

אויך טאקע אז גיד הנשה איז אסור בהנאה, און די משנה וואס עס שטייט אויבן אז שולח אדם ירך לנכרי, וועט גיין ווי רבי יהודה, וואס האלט אז גיד הנשה איז מותר בהנאה, אין ער האלט טאקע אז יש בגידין בנותן טעם, אין וועגן דעם איז נכלל אין די היתר פון הנאה האבן פון בשר נבילה אויך די היתר פון הנאה האבן פון גיד הנשה.

לסיכום, קומט אויס אז אינז האבן דא א מחלוקת ציווישען רבי יהודה און רבי שמעון, לויט רבי יהודה, איז גיד הנשה מותר בהנאה, און לויט רבי שמעון איז גיד הנשה אסור בהנאה, און נישט נאר א גיד הנשה פון א בהמה כשרה, נאר אפילו א בהמה וואס איז נבילה, איז אויך די גיד הנשה אסור בהנאה.

אין **ירושלמי פסחים** (תחילת פרק ב) טרעפט מען אבער א נייער שיטה אין די הלכה פון גיד הנשה פון א בהמה כשירה. די ירושלמי דארט ברענגט אויך אראפ די ווערטער פון רבי אבהו, וואס זאגט **'כל מקום שנאמר לא יאכל לא תאכל לא תאכלו אחד איסור אכילה ואחד איסור הנאה משמע'**, און די ירושלמי פרעגט אויך די קשיא פון גיד הנשה, וזה הלשון שם: **והכתיב על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה**, און כדרכו פון די ירושלמי, איז די ירושלמי נישט מסביר וואס די קשיא איז, קומט דארט די **קרבן העדה** און מסביר די קשיא: **ותנן, שולח אדם ירך לעכו"ם וגיד הנשה בתוכו, הרי שנהנה במה ששולח הגיד לעכו"ם** - פירוש: די קרבן עדה איז מסביר, אז די ירושלמי פרעגט די זעלבע קשיא פון די בבלי, אז אין די פסוק ביי גיד הנשה שטייט די לשון פון 'לא יאכלו', און לכאורה לויט רבי אבהו וואלט גיד הנשה געדארפט זיין אסור בהנאה, אבער מען זעהט אין א משנה אין מסכת חולין, אז מען מעג יא הנאה האבן פון גיד הנשה. קומט די ירושלמי און ענטפערט: **אמר רבי אבהו קיימתיה בגיד הנשה שבנבילות**, און די **קרבן העדה** איז מסביר דארט: **גיד הנשה שבנבילות הוא דמותר בהנאה, דכשהותרה נבלה היא וחלבה וגידה הותרה, והלכך מותר לשלחה לעכו"ם כיון דגיד בתוכו, וידע הישראל שרואהו בתוכו דמסתמא נבילה היא, ולא יאכלנה** - פירוש: די ירושלמי איז מסביר אז די משנה אין מסכת חולין רעדט דוקא פון א גיד הנשה פון א נבילה, וואס דעס איז מותר בהנאה, אבער א גיד הנשה פון א בהמה כשירה איז יא אסור בהנאה.

פון דער ירושלמי זעהט מען לכאורה א נייע שיטה, אז לכולי עלמא וועט זיין די הלכה אז גיד הנשה של בהמה כשירה איז אסור בהנאה, און נאר פון א בהמה וואס איז נבילה אדער בהמה טמאה, איז מותר בהנאה.

לסיכום, לויט די בבלי, איז א גיד הנשה של בהמה כשירה א מחלוקת צו עס איז מותר בהנאה אדער אסור, רבי יהודה האלט אז עס איז מותר, און לויט רבי שמעון איז עס אסור, און נישט נאר פון א בהמה כשירה, נאר אפילו פון א א בהמה נבילה, אין לויט די ירושלמי, איז א גיד הנשה של בהמה כשירה לכולי עלמא אסור בהנאה [אבער נבילה ווערט נישט דארט דערמאנט].

## קושיא נפלאה המובא בשו"ת דובב מישרים

די גרויסע גאון און שר התורה **רבי דוב בעריש ווײדענפעלד זצ"ל** די גרויסע **טשעבינ'ער רב** אין זיין ספר **שו"ת דובב מישרים** (חלק ב, סימן לח) ברעגנט א הפלא'דיגע קשיא וואס איינער האט אים געפרעגט, וזה לשונו: **לכבוד ידידי הרב הגאון החריף העצום מו"ה אברהם יחיאל בלאנקמאן שליט"א האבד"ק שברשין.**

**על דבר קושיתו לפי דברי הירושלמי בפרק ב' דפסחים, דגיד הנשה של כשרה אסור בהנאה, איך משכחת לה אפר של פרה אדומה להזאות לטמאי מתים, דהרי קיימא לן** (תמורה לד, א) **כל הנקברין אפרן אסור, ובפרה אדומה דכתיב בה ישרף כשהיא שלימה** (חולין יא, א) **ושורפה עם הגיד הנשה שלה, אם כן הרי נתערב בה אפר של גיד הנשה דאסור בהנאה, ואיך יזה על הטמא בימות החמה, להוי כמודר הנאה מחבירו דמבואר בש"ס ראש השנה** (כח א) דאינו מזה עליו בימות החמה.

**ועוד הוסיף כבוד תורתו להקשות, דגם בימות הגשמים יהיה אסור להזות למ"ד** (עי' עירובין לא, א) **מצות ליהנות נתנו, ואף לשיטת הבבלי** (פסחים כב, א) **דסבירא ליה דגיד הנשה אף של כשרה מותר בהנאה, מכל מקום יקשה לרבי שמעון דסבירא ליה גיד הנשה אסור בהנאה, איך אפשר להזות כנ"ל, ואין לומר דאפר של גיד הנשה בטל ברוב האפר של הפרה, הא רבי שמעון סבירא ליה לפי פירוש הר"ש פרק ב' דטבול יום** (משנה ג) **דמין במינו לא בטיל, וכת"ה תירץ בפלפול חריף.**

פירוש: די גאון און חריף **רבי אברהם יחיאל זצ"ל** האט געפרעגט א שטארקע קשיא אויף די מאן דאמר וואס האלט אז גיד הנשה של כשירה איז אסור בהנאה. און צו פארשטיין קשיא דארף מען מקדים זיין אפאר גמרות.

אין די **גמרא מסכת תמורה** (לג, ב - לד, א) שטייט אז אלע זאכן וואס זענען אסור בהנאה דארף מען 'קובר' זיין, דהיינו מען דארף עס באגראבן כדי נישט צוקומען צו הנאה פון דעם. און די גמרא בהמשך שרייבט: **כל הנקברין לא ישרפו** - פירוש: אזאך וואס איז אסור בהנאה, מיז מען דוקא באגראבן, און מען מעג עס נישט פארברענן, און די טעם איז: **משום דנקברין אפרן אסור** - פירוש: א זאך וואס איז אסור בהנאה, איז אפילו אסור בהנאה אפילו ווען עס איז שוין אפר, וועגן דעם גייט מען גארנישט אויף טוהן אויב מען גייט עס פארברענען ווייל די אש פון די איסור הנאה, וועט נאך אלץ זיין דא, און מען מעג נישט הנאה האבן פון דעם. עד כאן הגמרא בתמורה.

אין די **גמרא** אין **מסכת חולין** שטייט (יא, א): **פרה אדומה אמר רחמנא 'ושחט'** (במדבר יט, ג) **ושרף** (שם פסוק ה) **מה שחיטתה כשהיא שלימה, אף שריפתה כשהיא שלימה** - פירוש: מען לערנט ארויס פון די סמיכת הפסוקים 'ושחט' 'ושרף' אז פינקט ווען מען שחט די פרה אדומה, איז די פרה אדומה גאנץ, אזוי אויך ווען מען פארברענט די פרה אדומה דארף מען עס פארברענן ווען עס איז גאנץ, דהיינו מען טאר גארנישט ארויס נעמען פון די בהמה.

לויט דערביידע גמרות - זאגט רבי אברהם יחיאל - קומט אויס, אז די גיד הנשה פון די פרה אדומה, איז אויך געווארן פארברענט אין די עבודה פון די פרה אדומה, און אויב אזוי קומט אויס אין די אפר החטאת פון די פרה אדומה, איז געוועהן אויך אפר פון די גיד הנשה.

פרעגט רבי אברהם יחיאל, לויט די שיטה פון די ירושלמי, אז גיד הנשה של בהמה כשירה איז אסור בהנאה, ווי אזוי האט מען געמעגט הנאה האבן פון די אפר פון די גיד הנשה, די אפר איז דאך אויך אסור בהנאה, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת תמורה.

און רבי אברהם יחיאל צוטיילט דער קשיא אין צוויי. קודם זאגט ער אז 'בימות החמה' איז זיכער שווער ווי אזוי מען מעג שפריצן די מי חטאת אויף א טמא מת, די **גמרא** זאגט דאך אין **מסכת ראש השנה** (כח, א): **המודר הנאה מחבירו, מזה עליו מי חטאת, בימות הגשמים אבל לא בימות החמה** - פירוש: אויב איינער האט מקבל געוועהן אויף זיך א נדר אז ער גייט נישט הנאה האבן פון זיין חבר, מעג זיין חבר שפריצן אויף אים 'מי חטאת', אפילו בשעת מעשה האט ער 'הנאה' פון די שפריצן ווייל ער ווערט טהור, אבער די כלל איז דאך אז 'מצות לאו ליהנות ניתנו', און הנאה של קיום המצוה ווערט נישט גערעכנט ווי א הנאה. לייגט אבער די גמרא צו אז דוקא בימות הגשמים, מעג די חבר שפריצן אויף אים מי חטאת, ווייל דעמאלטס איז סייווי קאלט און מען האט נישט הנאה פון די מי חטאת, אבער בימות החמה, דהיינו אין די זיממער, מעג נישט די חבר שפריצן מי חטאת, ווייל זיממער ווען עס איז הייס, האט מען הנאה פון די וואסער פון די מי חטאת, און עס קומט אויס אז ער הנאה פון זיין חבר.

לפי זה איז שווער ווי אזוי מעג מען בכלל שפריצן מי חטאת אויף א טמא מת אין די זיממער, די טמא מת האט דאך הנאה פון די 'אפר גיד הנשה' וואס געפונט זיך אין די מי חטאת, און מען מעג דאך נישט הנאה האבן פון גיד הנשה אפילו פון די אפר?

און רבי אברהם יחיאל איז ממשיך אין פרעגט, אז אפילו בימות הגשמים וועט זיין שווער למ"ד וואס האלט אז 'מצות ליהנות נתנו', ווייל ער האט הנאה אויך פון די אפר פון די גיד הנשה.

ביז דא האט רבי אברהם יחיאל געפרעגט אויף די ירושלמי. און יעצט איז ער ממשיך אין ער פרעגט אז אפילו לפי הבבלי וועט זיין שווער, און אין הכי נמאי לויט שיטת רבי יהודה איז נישט שווער, ווייל ער האלט אז גיד הנשה איז מותר בהנאה, אפילו ביי א בהמה כשירה, אבער לויט רבי שמעון

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

וואס האלט אז גיד הנשה איז אסור בהנאה אלעמאל, ווי אזוי מעג מען שפריצן מי חטאת אויף א טמא מת, עס איז דאך אסור בהנאה?
און ער לייגט צו, אז לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן א פשוט'ע תירוץ פון **'ביטול ברוב'**, פירוש: די אפר פון גיד הנשה ווערט בטל אין די אפר פון גאנצע פרה אדומה, און אזוי איז שוין נישט דא די פראבלעם פון גיד הנשה. זאגט אבער רבי אברהם יחיאל אז שיטת רבי שמעון איז אז **'מין במינו לא בטיל'**, פירוש: רבי שמעון האלט אז ביטול ברוב זאגט מען נאר, ווען עס איז דאך צוויי אנדערע זאכן, למשל א איסור נבילה פלייש מישט זיך אויס מיט אן אנדערע מין, למשל, קארטאפל וכדו', וואס דעמאלטס איז די איסור נישט 'מינו' פון די היתר, און דעמאלטס זאגט מען אז די איסור ווערט בטל ברוב, אבער אויב נבילה פלייש מישט זיך אויס מיט כשר'ע פלייש, ווערט נישט די נבילה פלייש בטל ברוב, ווייל 'מין במינו לא בטיל', און אויב אזוי דא ביי די אפר פון גיד הנשה מיט די אפר פון די גאנצע פרה אדומה, איז דאך 'מין במינו', און לויט רבי שמעון זאגט מען אז מין במינו לא בטיל.

### סיכום קושית רבי אברהם יחיאל בלאנקמאן זצ"ל:

1. לויט די ירושלמי - און אזוי אויך לויט רבי שמעון אין בבלי - וואס האלטן אז גיד הנשה של בהמה כשירה איז אסור בהנאה, ווערט שווער ווי אזוי מעג מען בכלל שפריצן מי חטאת אויף א טמא מת, די טמא מת האט דאך הנאה פון די גיד הנשה - וואס אפילו די אפר איז אסור.
2. לא מיבעיא בימות החמה איז אסור אפילו למאן דאמר 'מצות לא ליהנות ניתנו', אזוי ווי מען זעהט אין מסכת ראש השנה.
3. נאר אפילו בימות הגשמים וואס אה"נ למאן דאמר מצות לא ליהנות ניתנו איז מותר, אבער למאן דאמר מצות ליהנות ניתנו, איז שווער, ווי אזוי מעג מען שפריצן מי חטאת.
4. און אה"נ לויט די ירושלמי וואלט מען געקענט ענטפערן די תירוץ אז די אפר גיד הנשה ווערט בטל אין די אפר פון די פרה אדומה, אבער לויט רבי שמעון אין בבלי, קען מען נישט ענטפערן דער תירוץ, ווייל ער האלט אז 'מין במינו לא בטיל'.

### תירוצו הראשונה של הדובב מישרים על קושיתו מימות החמה

די טעשעבינ'ער רב ענטפערט א שיינער תירוץ בדרך פלפול אויף די ערשטע חלק פון די קשיא, ווי אזוי מען מעג שפריצן מי חטאת בימות החמה. און ער איז מקדים א שטארקע קשיא וואס די טורי אבן פרעגט דארט אין מסכת ראש השנה.
די גמרא ביי די סוגיא דארט שטייט: **המודר הנאה ממעין, טובל בו טבילה של מצוה בימות הגשמים, אבל לא בימות החמה** - פירוש: איינער וואס מאכט א נדר אז ער גייט נישט הנאה האבן פון א קוואל פון וואסער, איז דער דין אז ער מעג זיך נישט גייען טובל'ן דארט אפילו א טבילה של מצוה בימות החמה, ווייל סוף כל סוף האט ער הנאה פון די וואסער אין די זיממער.
פרעגט די טורי אבן, די הלכה איז דאך אז **'דבר שאין מתכוין'** איז מותר, דהיינו, אויב איינער טוט א פעולה נישט מיט א כונה צו עובר זיין די איסור איז נישט קיין פראבלעם, און דא גייט דאך דער מענטש אין די מעיין מיט די 'כונה' זיך צו מטהר זיין, און די זאך וואס עס געשעהט אז ער ווערט אויך אפגעקילט אין די זיממער איז דאך א 'דבר שאין מתכוין', און עס וואלט געדארפט זיין מותר?
נאר דער תירוץ איז אז דא ווערט עס גערעכנט ווי א **'פסיק רישא'**, דהיינו, עס איז נישט מעגליך צו גיין זיממער אין א מעיין און נישט הנאה האבן פון דעם, וועגן דעם איז עס א 'פסיק רישא', און הלכה איז דאך אז א 'דבר שאין מתכוין' אויב איז א פסיק רישא, איז עס אסור.
זאגט אבער די טורי אבן, אז די **ר"ן** שרייבט (חולין לב, א, מדפי הרי"ף) **'הנאה דלא מכוין ליה שריא'**, פירוש: דעס וואס די הלכה איז אז א דבר שאין מתכוין בפסיק רישא איז אסור, איז דוקא ווען איינער טוט א פעולת איסור, אבער אויף אן 'הנאה' זאגט מען נישט אז עס איז אסור, דהיינו אויב איינער האט 'הנאה' בדרך 'דבר שאין מתכוין' אפילו 'בפסיק רישא איז עס מותר. און אויב אזוי איז הדרא הקושיא לדוכתא, פארוואס זאגט די גמרא אז מען טאר זיך טובל'ן אין א מעיין, עס איז דאך א 'הנאה' של דבר שאין מתכוין, און עס וואלט געדארפט זיין מותר.
ברענגט די **דובב מישרים** א תירוץ אויף דער קשיא פון די טורי אבן, פון די גרויסע גאון וקדוש **רבי יהודה אסאד זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת מהרי"א** (סימן שכו) שרייבט, אז א דער דין איז אז א 'נדר' האט אויף זיך די זעלבע דין פון 'הקדש', און ביי הקדש איז די דין **'עשה דבר שאין מתכוין כמתכוין'** (עי' פסחים לג, א), דהיינו ביי הקדש, איז בכלל נישט דא די היתר פון דבר שאין מתכוין, אין וועגן דעם טאר מען זיך נישט טובל'ן אין א מעיין בימות החמה אויב איינער האט געמאכט א נדר אז ער גייט נישט הנאה האבן פון א מעיין, אפילו עס איז א דבר שאין מתכוין, ווייל ביי א נדר איז אפילו א דבר שאין מתכוין אסור.
לפי זה שרייבט די דובב מישרים: **ואם כן לפי זה שפיר מתורץ קושית כבוד תורתו, דכל זה תינח בקונמות, אבל באיסור הנאה דאפר גיד הנשה מותר להזות בימות החמה משום דבר שאינו מתכוון כתירוץ הטורי אבן הנ"ל** - פירוש: לויט די תירוץ פון רבי יהודה אסאד אז די גאנצע גמרא אין מסכת ראש השנה איז נאר געזאגט געווארען ביי 'נדר', ווייל נאר דארט איז אסור א 'דבר שאין מתכוין', אויב אנדערע איסורי הנאה מעג מען יא הנאה האבן, ווייל עס איז א 'דבר שאין מתכוין'. און וועגן אפילו לויט די גמרא אין ראש השנה מעג מען שפיצן מי חטאת בימות החמה אפילו עס האט אין זיך אפר גיד הנשה, ווייל די טמא מת האט נישט בכונה צו הנאה האבן פון די וואסער.

### תירוצו השני של הדובב מישרים על קושיתו מימות החמה

נאך א פשוט'ע תירוץ שרייבט דער טשעבינ'ער רב, וזה לשונו: **ואולם כתבתי כל זה לפי קושית כבוד תורתו, אבל לדעתי במחילת כבודו לא קשה כלל מהא דמזה בימות החמה, דמה הנאה יש לו מהאפר הא אינו נהנה רק מהמים, והמים הלא מותרין לו ליהנות מהם, ורק בנודר מן המעין דהמים אסורים עליו בהנאה אסור בימות החמה משום שנהנה מן המים** - פירוש: די טשעבינ'ער רב שרייבט פאר רבי אברהם יחיאל, אז דער גאנצע ערשטע תירוץ וואס ער האט געשריבן, האט ער נאר געשריבן וויבאלד רב אברהם יחיאל האט געהאלטן אז די קשיא פון 'ימות החמה' איז א קשיא, אבער די אמת איז, אז די קשיא הייבט זיך בכלל נישט אן. ווייל די טעם פארוואס עס איז אסור צו שפריצן מי חטאת אין די זוממער, איז וויבאלד די מענטש האט הנאה פון די וואסער פון די מי חטאת וואס דער וואסער איז אים מטהר. אבער דא ביי די אפר גיד הנשה, האט דאך דער מענטש נישט הנאה פון דער 'עצם אפר' מער בימות החמה ווי ימות הגשמים, און ביי ביידע האט ער נישט הנאה פון די עצם 'אפר גיד הנשה', נאר ער האט הנאה פון די וואסער, וואס אין דער וואסער איז אויך דא 'אפר גיד הנשה', אבער דער וואסער איז דאך בכלל נישט אסור פאר אים, און ער האט דאך נאר הנאה פון די וואסער. וועגן דעם איז עס בכלל נישט גלייך צו די גמרא אין ראש השנה. און די טשעבינ'ער רב איז מסיים דער תירוץ: **וזה פשוט!**

### תירוצו של הדובב מישרים על חלקו השני של קושיתו - בימות הגשמים

נאכן פארענטפערן די קשיא פון רבי אברהם יחיאל 'מימות החמה', איז די טשעבינ'ער רב ממשיך און שרייבט: **אבל עדיין קושיא השניה דלמ"ד מצות ליהנות נתנו תאסר ההזאה לא מתורץ בכל הנ"ל, דהרי נהנה הוא מהאפר בקיום המצוה, וגם חשיב מתכוון, כיון דמתכוון הוא להמצוה, ולמ"ד מצות ליהנות נתנו חשיבה הנאה זו ליאסר באיסור הנאה.**
און כדי צו פארענטפערן דער קשיא שרייבט דער טשעבינ'ער רב א הפלא'דיגע תירוץ, וזה לשונו: **והנראה דהנה כבר נודע מדברי הרשב"א בחולין**

**דף פ"ט** (ע"ב ד"ה אלא) **דלענין איסור חל על איסור לא חשיב לאיסור גיד שחל משעת יצירתו אלא משעת לידתו, משום שאפשר שתישחט אמו ויהיה לגיד היתר גמור של אכילה על ידה, משום הכי לא חשבינן ליה לאיסור חל על איסור עד שנולד יעיין שם** - פירוש: די רשב"א איז מבאר, אז די איסור גיד הנשה פון א בהמה ווערט נאר אסור בשעת די בהמה ווערט געבוירן, אבער ווען די בהמה געפונט זיך נאך במעי אמו, איז די גיד הנשה נישט אסור, וויבאלד, אויב מען גייט שחט'ן די מאמע ווען די עובר איז נאך במעי אמו, מעג מען עסן די גאנצע עיבור, ווייל עס ווערט גערעכנט ווי א חלק פון די פלייש פון די מאמע וואס איז מותר באכילה, איז פון דעם זעהט מען אז די איסור גיד הנשה געשעהט נאר תיכף ווען די בהמה ווערט געבוירן.

מיט דער יסוד פון די רשב"א איז די טשעבינ'ער רב ממשיך אין שרייבט: **ועל פי זה יש לומר דגם לשיטת הירושלמי דגיד הנשה של כשרה אסור בהנאה, מכל מקום כיון דתלוי ועומד, אולי תתנבל הבהמה ויהיה הגיד מותר בהנאה, ורק בשעה שנשחטה הבהמה בהכשר אז חל האיסור הנאה דגיד, אבל הלא אז חלה גם כן מצות שריפה של פרה גם על הגיד, ואם כן הוי שפיר מהנשרפין וכמבואר בירושלמי פסחים פ"ב סוף ה"א דלחמי תודה אם חמץ קודם הוי בקבורה ואם נותר קודם בשריפה ומקיים בזה גם למצוות ביעור חמץ כיון דחיוב קבורה לא בא קודם החיוב של שריפה כנ"ל אם כן שפיר הוי מן הנשרפין ואפרן מותר** - פירוש: לויט די שיטת הירושלמי אז דוקא א גיד הנשה של כשירה איז אסור בהנאה, איז זייער שיין פארענטפערט די קשיא פון רבי אברהם יחיאל לויט די יסוד פון די רשב"א, ווייל לויט די רשב"א קומט אויס אז ווען מען גייט מקריב זיין די פרה אדומה און מען גייט עס שחט'ן, דעמאלטס בשעת מען שחט עס נאר דעמאלטס ווערט די גיד הנשה אסור בהנאה, ווייל ביז מען שחט די בהמה, קען זיין אז די בהמה וועט זיין א נבילה, און לפי שיטת הירושלמי איז נישט א גיד הנשה של בהמה נבילה אסור בהנאה, אין נאר ווען מען ווייסט זיכער אז עס איז געוועהן א כשר'ע שחיטה נאר דעמאלטס ווערט די גיד הנשה אסור בהנאה.

זאגט דער טשעבינ'ער רב, אז דא ביי פרה אדומה וועט זיין א שטיקל צוזאם שטויס. ווייל די הלכה איז אז די פרה אדומה דארף מען פארברענן, דהיינו עס האט אויף זיך דער דין פון 'שריפה', און פון די אנדערע זייט האט די גיד הנשה פון די פרה אדומה די דין אז מען דארף עס באגראבן דהיינו די דין פון 'נקברין', וויבאלד עס איז אסור בהנאה. לפי זה קומט אויס אז דער גיד הנשה פון א פרה אדומה באקומט אויף זיך סיי דער דין פון שריפה, און סיי דער דין פון נקרבין, איז וועלכע דארף מען מקיים זיין?

ברעגנט דער טשעבינ'ער רב פון א ירושלמי, אז דער דין פון נקברין קען נאר חל זיין, אויב עס די איסור פון נקברין געוועהן פאר דער דין פון נשרפין, און דא ביי פרה אדומה, וואס די איסור פון נקברין איז אנגעומען צוזאמען מיט דער דין פון שריפה, וויבאלד נאר ביים שחט'ן ווערט דער גיד הנשה אסור בהנאה, וועגן דעם איז נישט חל אויף דער גיד הנשה דער דין פון נקברין, נאר דער דין איז אז עס האט די הלכה אזוי ווי די גאנצע פרה אדומה שדינו בשריפה, און די אפר איז אינגאצען מותר, און וועגן דעם מעג מען שפריצן פון די מי חטאת אויף א טמא מת לויט די ירושלמי, וואס האלט אז גיד השנה של כשירה איז אסור בהנאה.

אבער די טשעבינ'ער רב ווייטער: **אולם כל זה לא יעלה ארוכה לקושיא אליבא דרבי שמעון כנ"ל, דכיון דלדידיה גם גיד הנשה של נבילה אסור בהנאה, ולא היה מתלי תלוי האיסור של גיד הנשה כנ"ל, ואם כן הוי חיוב הקבורה קודם, ואם כן איך מותר להנות מהאפר כנ"ל** פירוש: דער תירוץ איז נאר גוט לויט די ירושלמי וואס האלט אז נאר א גיד הנשה של כשירה איז אסור בהנאה, אבער לויט רבי שמעון וואס האלט אז אפילו גיד הנשה של נבילה איז אסור בהנאה, לויט אים קען מען נישט זאגן דער תירוץ, ווייל לויט אים קומט אויס אז די איסור גיד הנשה איז דא גלייך ווען די בהמה ווערט געבוירן, אין די דין שריפה פון פרה אדומה קומט נאר נאך מען שחט עס, און די דין פון נקברין איז געוועהן פאר די דין פון שריפה, איז הדרא קשיא לדוחתא, לויט רבי שמעון ווי אזוי מעג מען שפריצן מי חטאת אויף א טמא מת, מען האט דאך הנאה פון די אפר של גיד הנשה (למ"ד מצות ליהנות ניתנו)?

ענטפערט אויף דעם דער טשעבינ'ער רב: **אולם נראה דשפיר יש לומר דאפר של הגיד בטל ברוב אפר הפרה** - פירוש: דער טשעבינ'ער רב, שרייבט אז מען קען יא ענטפערן דער תירוץ וואס רבי אברהם יחיאל האט געשריבן, אז מען וועט זאגן דער דין פון 'ביטול', דהיינו דער אפר של גיד הנשה, וועט ווערן בטל ברוב, אין די אפר פון די פרה אדומה, **ומה שהקשה כבוד תורתו דרבי שמעון סבירא ליה דמין במינו לא בטל** - און אפילו רבי אברהם יחיאל האט אפגעפרעגט דער תירוץ, וויבאלד לויט רבי שמעון וועט עס דאך נישט שטימען ווייל ער האלט אז 'מין במינו לא בטל', אפילו אזוי קען מען ענטפערן דער תירוץ: **יפה העיר תלמידי היקר החו"ב כמר ליבטשו רייך נ"י על פי דברי החק יעקב בסימן תמ"ה ס"ק ח' דהא דכל הנקברין אפרן אסור הוא רק מדרבנן, ואם כן אפילו מין במינו בטל, לפי דברי התוספות חולין** (צט, ב, ד"ה שאני) **דמה שאינו אסור רק מדרבנן אף לרבי יהודה מין במינו בטיל** - פירוש: דער טשעבי'נער רב פארענטפערט דער קשיא לפי רבי שמעון, מיט צוויי הקדמות.

**הקדמה א'** - איז א חידוש וואס די **חק יעקב** איז מחדש, אז דער דין פון 'על הנקברין אפרן אסור', איז נאר א 'דין דרבנן', דהיינו מדאורייתא איז די אפר פון א איסור הנאה מותר בהנאה, נאר די רבנן האבן געזאגט אז אפילו די אפר איז אסור בהנאה.

**הקדמה ב'** - שטייט אין א **משנה** אין **מסכת תרומות** (פרק י, משנה ח) אז רבי יהודה זאגט די 'ציר' פון א דג טמא, דהיינו די זאפט פון דג טמא, וואס פאלט אריין אין 'ציר' פון א דג טהור, אסר'ט דער ציר טמא די ציר טהור, ביז 'רביעית בסאתים', דהיינו אויב עס פאלט אריין ביז א רביעית הלוג און א צוויי סאה - וואס דעס איז 48 לוג [192 רביעי הלוג], איז דער ציר הטהור אסור צו עסן, אבער אויב עס פאלט אריין ווייניגען פון דעם, איז דער ציר מותר. פרעגט די גמרא דארט: **והאמר רבי יהודה מין במינו לא בטיל** - פירוש: רבי יהודה האלט דאך [אזוי ווי רבי שמעון] אז מין במינו לא בטיל, אין דא איז דארך ארייגעפאלן 'ציר' טמא אין 'ציר' טהור, איז דאך עס 'מין במינו', אין אפילו ווייניגער ווי א רביעית בסאתיים וואלט געדארפט זיין אסור, ווייל עס ווערט קיינמאל נישט בטיל? ענטפערט די גמרא: **שאני ציר דזיעא בעלמא הוא** - און **תוספות** (ד"ה שאני) דארט איז מסביר, אז וויבאלד דער ציר איז 'זיעה בעלמא', **"לא אסיר אלא מדרבנן"** פירוש די ציר איז נאר אסור בדרבנן, אין די הסבר איז אז אפילו די מאן דאמר וואס האלט מין במינו לא בטיל, רעדט ער נאר ביי איסורי דאורייתא, אבער ביי איסורי דרבנן וועלן זיי האלטן אז אפילו מין במינו ווערט בטל.

מיט דער ביידע הקדמות האט דער תלמוד פון טשעבינ'ער רב החריף ובקי רבי אריה ליב רייך גענטפערט דער קשיא פון רבי אברהם יחיאל, ווייל אפילו לויט רבי שמעון וואס האלט אז מין במינו לא בטיל, איז דאך די אפר פון די גיד הנשה נאר אסור מדרבנן אזוי ווי די חק יעקב זאגט, און לויט תוספות אין חולין, ווערט א איסור דרבנן יא בטל ברוב אפילו עס איז מין במינו, און וועגן דעם ווערט די אפר של גיד הנשה בטל אין די אפר פון די פרה אדומה, און עס איז נישט דא קיין שום איסור צו שפריצן די מי חטאת אויף א טמא מת.

הפלא ופלא!




להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com